בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# תְּפִלּוֹת פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּב

אַ הֶערְלִיכֶער קוּנְטְרֵס וָואס עֶנְטְהַאלְט תְּפִלּוֹת פַאר דִי אִידִישֶׁע פְרוֹי צוּ בֶּעטְן בַּיי יֶעדֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט, בִּפְרַט בַּיי דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע צֵייט פוּן לִיכְט צִינְדְן.

דִי תְּפִלּוֹת זֶענֶען אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אִישׁ אֱמוּנוֹת; בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער אַלֶע נוֹשְׂאִים; עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, שָׁלוֹם בַּיִת, אֱמוּנָה, שִׂמְחָה, אוּן נָאךְ.

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

## כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זִי"ע

דוּרךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**באראפארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# לֶעכְט בֶּענְטְשְׁן

**בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל שַׁבָּת.**

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, טַאטֶע זִיסֶער! גֶעבּ מִיר אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת אוּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן. אַ לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם, אַ לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין מַאן אוּן אִיךְ זָאל אִים שֶׁעצְן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיר דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד יֶעצְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט, מַאךְ אוּנְז לִיכְטִיג אוּנְזֶער לֶעבְּן אוּן מַאךְ לִיכְטִיג פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן דִיר אוּן אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. צִינְד אָן ...׳ס הַארְץ עֶר זָאל דִיר דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן צִינְד אָן דִי הֶערְצֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער״.

# שְׁלוֹם בַּיִת

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט פַּאר מַיין מַאן אוּן מַיין מַאן זָאל מִיר גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט, הֶעלְף אוּנְז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אַהֲבָה וְשָׁלוֹם.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר פַּאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר, בִּפְרַט אַז אִיךְ וֵוייס פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער אוֹיסְהַאלְטְן פוּן מַיין מַאן, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט אוּן אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט לִיבּ; עֶס בַּאדֶערְט מִיר פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ אִים מֶער נִישְׁט לִיבּ. נָאךְ דִי חֲתוּנָה

הָאבּ אִיךְ אַזוֹי הַנָאָה גֶעהַאט יֶעדְן טָאג פוּן לֶעבְּן; יֶעדֶע מִינוּט, יֶעדֶע רֶגַע אִיז גֶעוֶוען אַ פַארְגֶענִיגְן מִיט מַיין מַאן נֵרוֹ יָאִיר, אָבֶּער יֶעצְט שְׁפִּיר אִיךְ מַמָשׁ ווִי אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט, אִיךְ עֶקְל זִיךְ פוּן אִים אוּן אִיךְ וֶוער מַמָשׁ מְשׁוּגָע פוּן אִים.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל מִיר נִישְׁט גֶטְ'ן חַס וְשָׁלוֹם; מִיר הָאבְּן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער אוּן אוֹיבּ מִיר וֶועלְן זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם גֶטְ'ן וֶועט זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער פַאר זֵיי אוּן פַאר מִיר. אָבֶּער אַזוֹי ווִי עֶס אִיז יֶעצְט קֶען אִיךְ עֶס נִישְׁט נֶעמֶען, אִיךְ הַאלְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס, יֶעדֶע רֶגַע אִיז מִיר מַמָשׁ אַ גֵיהִנוֹם. אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל צוּרִיק לִיבּ הָאבְּן מַיין מַאן. אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל צוּרִיק פְרֵיילִיךְ וֶוערְן אוּן אִיךְ זָאל קֶענֶען

פְרֵיילִיךְ מַאכְן מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער.

הֶעלְף עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין מַיין מַאן אַ רוּחַ טָהֳרָה; עֶר זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן צוּרִיק אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, עֶר זָאל מִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, וּבִפְרַט בִּזְכוּת רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ - רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וּבִזְכוּת מוֹרֵנוּ מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל פַאר דִי נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוִוּיסְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוִוּיסְט וִוי שֶׁעדְלִיךְ דָאס אִיז פַארְ'ן לֶעבְּן, וָואס

בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פַארְגֶעסְן דִי אַלֶע זַאכְן אוּן עֶס זָאל מִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן אִין מַיין לֶעבְּן, אִין מַיין חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע לֶעבְּן, וַואשׁ מִיר אָפּ.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר פַּאר אַלֶעס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, אִיךְ דַאנְק דִיר פַּאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דִיר פַּאר מַיין טַייעֶרער מַאן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן.

הֶעלְף מִיר טַאטֶע זִיסֶער אִיךְ זָאל קֶענֶען אָפְּלָאזְן מַיין טֶעלֶעפָאוֹן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ לֶעבְּן מִיט דֶעם, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן פוּן דֶעם, אִיךְ וִויל זַיין אַ וואוֹילֶע וַוייבּ אוּן אַ אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע מַאמֶע פַּאר מַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, אָבֶּער דֶער טֶעלֶעפָאוֹן אִיז אַזוֹי גְלַאנְצִיג אוּן צִיעֶנְדִיג, עֶס שְׁלֶעפְּט מִיר אַוֶועק

פוּן דֶעם לֶעבְּן, אִיךְ זִיץ אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן זֵייעֶר אַסַאךְ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער דוּ זֶעסְט מַיין הַארְץ, דוּ וֵוייסְט אַז אִיךְ וִויל זַיין אַ גוּטֶע וַוייבּ, אַ גוּטֶע מַאמֶע; דוּ וֵוייסְט אַז אִיךְ וִויל זַיין ווָאוֹיל, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר מַמָשׁ אוּמְמֶעגְלִיךְ דָאס אַוֶועקְצוּלֵייגְן, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן; הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךְ יְיָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ בִּין קְרַאנְק אִין קָאפּ, אִיךְ וִויל נִישְׁט לֶעבְּן מִיט אַ מַאן; אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט אָן אַ וִוילְן, מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן מִיר חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, אָבֶּער אִיךְ וִויל נִישְׁט לֶעבְּן מִיט אַ מַאן, אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין

חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ וִויל לֶעבְּן מִיט חַבֶרְ׳טֶעס אַזוֹי וְוי דִי מִצְרִי׳שֶׁע פְּרוֹיעֶן אוּן דִי גֶעמֵיינֶע פֶּעלְקֶער לֶעבְּן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַּארְדְרֵייט פוּן שְׁלֶעכְטֶע חַבֶרְ׳טֶעס; דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט מִיר אַיין אַז דָאס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייל מִיר אוֹיס פוּן מַיין קְרַאנְקְהֵייט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל וֶועלְן זַיין גֶעזוּנְט, אִיךְ זָאל וֶועלְן לֶעבְּן אַ אִידִישֶׁע לֶעבְּן, אַ רֵיינֶע לֶעבְּן אוּן אַ גֶעזוּנְטֶע לֶעבְּן אַזוֹי וְוי דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט.

וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין קְרַאנְק אִין קָאפּ, אַלֶע מַיינֶע גֶעפִילְן זֶענֶען אוֹיסְגֶעדְרֵייט? מַיין בְּרוּדֶער הָאט מִיר גֶעפַּיינִיגְט אַלְס מֵיידְל, פוּן דֶעמָאלְט אִיז מִיר אַרַיין אַ פַּחַד צוּ מֶענֶער, אוּן הַיינְט בִּין אִיךְ אַזוֹי פַּארְדְרֵייט אַז אִיךְ וִויל שׁוֹין

אַזוֹי בְּלַייבְּן. אִיךְ בִּין חֲתוּנָה גֶעהַאט אָבֶּער אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ אַ מַאן אָבֶּער אִיךְ וִויל נִישְׁט קַיין מַאן; אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דוּ קֶענְסְט אַלֶעס, דוּ מַאכְסְט אַלֶעס, דוּ גֶעבְּסְט שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל וֶוערְן אַ גֶעזוּנְטֶע פְרוֹי.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַאטֶעוֶוע מִיר, קוּק מַיין צֶעבְּרָאכֶענֶעם הַארְץ, אִיךְ אַלֵיינְס וִויל נִישְׁט דִי סָארְט לֶעבְּן; הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע, אַ גֶעזוּנְטֶע פְרוֹי; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶער צוּ מַיין גֶעבֶּעט אוּן מַיין גֶעוֵויין; הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, בִּפְרַט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

און רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מַלְכָּה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן.

# קִינְדֶער

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן, פַאר מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער - פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער; אִיךְ בֶּעט דִיר טַאטֶע זִיסֶער, גֶעבּ מִיר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן נָאר גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה. דִי אִינְגְלֶעךְ זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים יִרְאֵי אֱלֹקִים, אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע צְנִיעוּת׳דִיגֶע פְרוֹיעֶן וָואס וֶועלְן אוֹיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער! מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז נָאר צוּ טוּן דַיין וִוילְן, מַיין גַאנְצֶע שְׁטְרֶעבְּן אִיז נָאר צוּ עֶרְצִיעֶן אַ דוֹר פוּן קִינְדֶער, אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן אוּר-

אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס וֶועלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן מַאֲמִינִים בְּהַשֵּׁם; זֵיי וֶועלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה אוּן זַיין דָבוּק צוּ דִיר אוּן צוּ דִי צַדִיקִים. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי; זֵיי זָאלְן אַלֶע חֲתוּנָה הָאבְּן אִינְגֶערְהֵייט אוּן זֵיי זָאלְן אַלֶע הָאבְּן אַ שֵׁיין לֶעבְּן.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט אִין מַיין לֶעבְּן – נָאר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; אִיךְ גֶעבּ אַלֶעס אַוֶועק אַבִּי מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף, דָוִד, שְׁלֹמֹה; רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיְגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי צַדִיקִים וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט זֵייעֶרע נֶעמֶען אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט קִינְד; דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט בְּרַמַ"ח אֵבָרִים אוּן שְׁסָ"ה גִידִים. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן דָאס קִינְד גְרִינְגֶערְהֵייט אָן קַיין שׁוּם וֵוייטָאג. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער! נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע שְׁלֶעכְטְס; אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלֶעכְטֶע אוֹיג, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין עַיִן הָרָע אוֹיף מִיר אוּן אוֹיפְן קִינְד. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, הֵיילִיגֶע קִינְדֶער; קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיר דִינֶען זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן אוּן וֶועלְן נָאר טוּן דַיין וִוילְן. יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן

גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ״ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ״ה גִּידִים אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט - גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע׳ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין וִוילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים, וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְ״יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין דִי זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶר מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר מְסִירַת נֶפֶשׁ וִוי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ״ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ״ה גִּידִים, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע׳ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין וִוילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ מִיר אַלֵיינְס אוּן זִיכֶער נִישְׁט צוּ מַיינֶע קִינְדֶער; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין וֶוערְן גֶעזוּנְט אוּן אִיךְ זָאל וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט. נֶעם אַרוֹיס פוּן מִיר דֶעם שְׁלֶעכְטְן רוּחַ וָואס בּוּדְזְשֶׁעוֶועט אִין מִיר. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען מְגַדֵל זַיין מַיינֶע קִינְדֶער לְתוֹרָה זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר דִיר, אוּן בִּפְרַט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מַלְכָּה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט קִינְד; אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין גְרִינְג, אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט, אִיךְ זָאל זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע פַאר מַיינֶע

קִינְדֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר קִינְדֶער צַדִיקִים; קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועְן פַאר דִיר; בִּזְכוּת אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ, יַעֲקֹב אָבִינוּ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, יוֹסֵף הַצַּדִיק, דָוִד הַמֶּלֶךְ, בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא אֱלוֹקַי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים, בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בִּזְכוּת רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן בִּזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיינֶע לִיכְטִיגֶע

קִינְדֶער, אִיךְ בִּין אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ מִיט דִי דְרֵיי מַתָּנוֹת, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַזוֹי לִיבּ; יֶעצְט בֶּעט אִיךְ דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר נָאךְ קִינְדֶער, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע שְׁטוּבּ מִיט אַסַאךְ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר; אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ בִּין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף מַיין טֵייעֶרֶער מַאן, אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ אוּן מַיין מַאן זֶענֶען בֵּיידֶע גֶעזוּנְט.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר קִינְדֶער; אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן קִינְדֶער, אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אוֹיף קִינְדֶער; אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ

בִּין אַזוֹי פַארְזָארְגְט, וַוייל עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער נָאךְ טֶעג אוּן וָואכְן אוּן אִיךְ וַוארְט נָאכְאַלְץ אוֹיף מַיין יְשׁוּעָה, דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר פַארְזָארְגְט. בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיר דִינֶען, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר; בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי – רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, אִין זְכוּת פוּן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב אוּן בִּזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה מִבְּרֶסְלֶב; יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי. אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער – אוֹיף יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר כֹּחַ אוּן שֵׂכֶל אִיךְ זָאל הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג צוּ מַיינֶע קִינְדֶער. אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אַ פַארְלוֹירֶענֶע, מַיינֶע קִינְדֶער פָּאלְגְן מִיךְ נִישְׁט אוּן דָאס מַאכְט אִיךְ זָאל זִיךְ פַארְלִירְן, אִיךְ זָאל שְׁרֵייעֶן אוּן צוּמָאל שְׁלָאגְן וְכוּ׳, הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁלָאגְן, אִיךְ וִויל זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אִיךְ וִויל זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע, אִיךְ וִויל זֶען עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, זֵיי מִיט מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער. הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי צַדִיקִים אוּן צִדְקָנִיּוֹת, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגֹאֲלִי.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ,

אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן, אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא זַיין. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גוּט-מוּטִיג, וַוייל וֶוען אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ אִיז מַיין מַאן פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז אִיךְ אוּן מַיין מַאן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ זֶענֶען דִי קִינְדֶער רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן; הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם פַּחַד אוּן קַיין שׁוּם שְׁרֶעק, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, אוּן קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען מַיין לֶעבְּן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, אוּן הֶעלְף מַיין מַאן אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, מְגַדֵל זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער צוּ תּוֹרָה אוּן צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט - נָאר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דֶער לֶעבְּן אִיז מִיר נִישְׁט וֶוערְד נָאר אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ

קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דֶער וֶועלְט, קִינְדֶער
וָואס וֶועלְן נָאר טוּן דַיין וִוילְן.

# שִׂמְחָה

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת! אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט מִיר, אִיךְ וֶוער זֵייעֶר שְׁנֶעל גֶערֶעגְט אוֹיף מַיין מַאן. אִיךְ שְׁרֵייט אוֹיף אִים, אִיךְ שְׁרֵייט אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער, אוּן נָאכְדֶעם וֶוער אִיךְ גֶערֶעגְט אוֹיף מִיר אַלֵיינְס, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן. אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס; אִיךְ בִּין נִישְׁט רוּאִיג, אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט פְרֵייליךְ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל נִישְׁט מַיין מַאן זָאל אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן מִיר אוּן מִיר אִיבֶּערְלָאזְן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵייליךְ אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ פַאל פוּן מַיינֶע כֹּחוֹת.

יֶעדְן טָאג מַאךְ אִיךְ אָפּ צוּ זַיין אַ וואוֹילֶע וַוייבּ אוּן אַ וואוֹילֶע מַאמֶע, אָבֶער אִיךְ וֶוער שְׁנֶעל אוֹיפְגֶערֶעגְט.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְן; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן שְׁפִּירְן שְׁטֶענְדִיג וִוי דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיר דִינֶען.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן מַיין מַאן, עֶס זָאל זַיין נָאר לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן מִיר אוּן מַיין מַאן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אוֹיפְהֶערְן קוּקְן מָאוִויס, עֶס צִיעֶט מִיר שְׁטֶענְדִיג צוּ קוּקְן נָאךְ אוּן נָאךְ, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל דָאס אָפְּלָאזְן אוּן אַיינְזֶען דִי נַארִישְׁקַייט פוּן

קוּקְן מָאוִויס.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט בִּיז אַהֶער, אִיךְ בִּין נִישְׁט שׁוּלְדִיג, קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן וִוי שֶׁעדְלִיךְ דָאס אִיז, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט אַלְס יוּנְגֶע מֵיידְל צוּ קוּקְן אוּן יֶעצְט אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּלָאזְן פוּן דֶעם, בֶּעט אִיךְ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אִיךְ גֵיי פְּרוּבִּירְן דָאס בֶּעסְטֶע וָואס אִיךְ קֶען אוּן הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן אַ פְּרֵיילִיכֶע לֶעבְּן.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְּרֵיילִיךְ, עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועז.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; אִיךְ וֶוער אַזוֹי נֶערְוֶועז פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אִיךְ וֶוער אוֹיס פְרֵיילִיךְ בִּיז אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין כַּעַס אוּן עַצְבוּת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוּן אַלְץ בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ.

# אֱמוּנָה

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ וִויל גְלֵייבְּן אִין דִיר, אִיךְ וִויל דִיר שְׁפִּירְן, אִיךְ וִויל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס מִיט מֶענְטְשְׁן קֶען אִיךְ רֶעדְן, אִיךְ גֶעבּ אַוֶועק אַזוֹיפִיל שָׁעָה צוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּ דִיר – גֵייט מִיר דָאס אַזוֹי שְׁוֶוער, פַּארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִיר? אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט דָא מִיט מִיר, אִיךְ וִויל דִיר זֶען, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין דִיר.

הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס

גוּטְס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן, פַאר מַיין טֵייעֶרֶע מַאן, פַאר מַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר.

הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט מִיט מִיר - אַלֶעס קוּמְט פוּן דִיר, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, נִישְׁט קַיין גוּטְס אוּן זִיכֶער נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר קוּמְט פוּן דִיר. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ זָאל דִיר שְׁפִּירְן, הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער עֶס אִיז מִיר אַזוֹי עֶנְג, מַיין קָאפּ דְרֵייט זִיךְ מִיר אַ גַאנְצֶע טָאג מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אִיךְ טְרַאכְט אַ גַאנְצְן טָאג נָאר שְׁלֶעכְטְס אוֹיף מִיר, אִיךְ בַּאשוּלְדִיג מִיר, אִיךְ הָאבּ

מִיר נִישְׁט לִיבּ, מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת פַּיינִיגְן מִיר, אִיךְ שְׁפִּיר אַסַאךְ מָאל וִוי אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ שְׁפִּיר אַז מַיינֶע נֶערְוְון פְּלַאצְן מִיר פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע זִיסֶער, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרַאכְטְן נָאר פַּאזֶעטִיוו, אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס קוּמְט פוּן דִיר. בַּאשֶׁעפֶער, קוּק צוּ מַיינֶע טְרֶערְן, קוּק וִוי אִיךְ וֵויין, קוּק אוֹיף מַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת - דוּ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבְּסְט שֵׂכֶל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, וּמְלַמֵּד לֶאֱנוֹשׁ בִּינָה - דוּ גֶעבְּסְט פַארְשְׁטַאנְד פַאר אַלֶעמֶען, בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע - חָנֵּנוּ מֵאִתְּךָ חָכְמָה בִּנָה וָדָעַת, גֶעבּ מִיר אוֹיךְ שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד אִיךְ זָאל מִיךְ נִישְׁט

פַיינִיגְן.

בַּאשֶׁעפֶער, אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ וְוי מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אִיךְ טְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אִיךְ ווִיל אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַיין לֶעבְּן, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס דָאךְ דֶעם אֱמֶת אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, נָאר צוּ דִיר טַאטֶע זִיסֶער.

דֶערְפַאר קוּם אִיךְ צוּ דִיר אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר הֶעלְף מִיר! הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דַיינֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אִמָהוֹת הַקְדוֹשׁוֹת שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל אוּן לֵאָה, בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בִּזְכוּת זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זי״ע, אוּן בִּזְכוּת מוֹהֲרָא״שׁ זי״ע, אָמֵן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין דֶערְשְׁרָאקְן פוּן אַלֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס בּוּדְזְשֶׁעוֶועְן אִין מִיר. אִיךְ שְׁפִּיר וִוי מַיינֶע כֹּחוֹת לָאזְן זִיךְ אוֹיס; אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, עֶס פַּיינִיגְן מִיר מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אָן אוֹיפְהֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ בִּיסְט דָאךְ דֶער וָואס גִיבְּט שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס דְרֵיידְט מִיר אַ קָאפּ, אוּן אִיךְ זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר אוּן פוּן דַיינֶע חֲסָדִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר.

יוֹדֵעַ מַחְשָׁבוֹת הוֹשִׁיעָה נָא! הֶעלְף מִיר טַאטֶע אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט פִיזִיש אוּן גֵייסְטִיש; אִיךְ זָאל קֶענֶען טְרַאכְטְן גְרָאד אוּן וִויסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף

דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז דוּ בִּיסְט בַּאהַאלְטְן אִין דִי וֶועלְט.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט; אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט לֶעבְּן. קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט מִיר נִישְׁט, נָאר דוּ טַאטֶע זִיסֶער, נָאר דוּ רַחְמָנוּת'דִיגֶער טַאטֶע קֶענְסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין, וִויפִיל אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער, וִויפִיל מֶען הָאט מִיר גֶעפַּיינִיגְט, וִויפִיל אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעמַאכְט אוּן אִיךְ מַאךְ מִיט; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ אוֹיפְצִיעֶן מַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין אוּמְזִיסְטִיגֶע פְּחָדִים אוּן דִמְיוֹנוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין הָאבְּן אַ גַאנְצֶע יְשׁוּעָה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין פוּל מִיט סְפֵיקוֹת, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן אוּן וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, יֶעדֶע מִינוּט טְרַאכְט אִיךְ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; אֵיין רֶגַע טְרַאכְט אִיךְ 'יָא' אֵיין רֶגַע טְרַאכְט אִיךְ 'נֵיין', פוּן דֶעם אַלֶעם וֶוער אִיךְ אָפְּגֶעשְׁוַואכְט. הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער; אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּ דִיר, טוּ מִיט מִיר וָואס אִיז גוּט פַאר מִיר, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶר תְּפִילָה אוּן זֵייעֶר עֶרְלִיכְקַייט; בִּזְכוּת אַבְרָהָם אָבִינוּ, בִּזְכוּת יִצְחָק אָבִינוּ, בִּזְכוּת יַעֲקֹב אָבִינוּ, בִּזְכוּת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, בִּזְכוּת אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, בִּזְכוּת יוֹסֵף הַצַּדִיק, בִּזְכוּת דָוִד הַמֶּלֶךְ, בִּזְכוּת שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, בִּזְכוּת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, בִּזְכוּת רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגֶא מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רֶבִּי נָתָן

מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה מִבְּרֶסְלֶב, יְהִי לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט מִיר אַלֵיין, אִיךְ זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן.

דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, דוּ גֶעבְּסְט מִיר נָאר גוּטְס; אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט, אִיךְ הָאבּ אַלֶעס, אוּן נָאכְאַלְץ בִּין אִיךְ נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן מִיר, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט לִיבּ; אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט מִיר אַלֵיינְס.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, מַאךְ אַ נֵס אִיךְ זָאל שׁוֹין וֶוערְן אֶמֶת׳דִיג פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן מַיין לֶעבְּן,

מַיינֶע עֶלְטֶערְן, מַיין מִשְׁפָּחָה; אִיךְ רֶעד זִיךְ אַיין אַז דִי גוֹיִם הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן, אִיךְ טְרַאכְט אַלְץ ׳אַ שָׁאד אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן אִין אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ׳; אִיךְ וִויל נָאר אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן זֵיי, אִיךְ עֶקֶל זִיךְ פוּן דִי צְנִיעוּת׳דִיגֶע וֶועג.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, לֵייז מִיר אוֹיס פוּן מַיין תְּפִיסָה; מַיין מֹחַ אִיז אִין תְּפִיסָה, אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט מִיר, אִיךְ וִויל אַלְץ זַיין אַ צְוֵוייטֶער. הֶעלְף מִיר, וַוייז מִיר דִי זִיסְקֵייט פוּן זַיין אַ אִיד, וַוייז מִיר דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען וָואס דִי גוֹיִם הָאבְּן גֶעטוּן צוּ מַיין מִשְׁפָּחָה; זֵיי הָאבְּן פַארְבְּרֶענְט מַיינֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, פַארְוָואס וִויל אִיךְ זַיין וִוי זֵיי?!

הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל דִיר לִיבְּן, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן

צוּ זַיין אַ אִיד, בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועֶן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן; יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר; דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, דוּ גֶעבְּסְט מִיר אַלֶעס, אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ בִּין זוֹכֶה חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן.

הֶעלְף מִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַז מַיין גַאנְץ לֶעבְּן זָאל אִיךְ הָאבְּן אֱמוּנָה; אִיךְ, מַיין מַאן, מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע, רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין דִיר; אִיךְ מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה זָאלְן זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּ הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אַלֶע אִידְן זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט, אַלֶע זָאלְן הָאבְּן שֶׁפַע, פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח. הֵיילִיגֶער

בַּאשֶׁעפֶּער, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז, דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, לַייז אוּנְז שׁוֹין אוֹיס פוּנֶעם גָלוּת.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ אַ יֵצֶר הָרָע; זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ טוּ, אוֹיף וָואס אִיךְ קוּק, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל זַיין וואוֹיל.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ; אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אָנְגֵיין מִיט מַיין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין פוּל מִיט דִמְיוֹנוֹת אוּן פוּל מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת. מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת פַּיינִיגְן מִיר אוּן מַיין קָאפּ לוֹיפְט אַ גַאנְצְן צַייט צוּ טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ גֶעפִּיל אִין אֵיידְלְקֵייט, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ גֶעפִּיל אִין עֶרְלִיכְקֵייט.

בס"ד

# פרייליכע
# נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בלומל




יעדע וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
$3.99

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

תוכנ'דיג און
ציענדיג

וואס איר וועט נישט
טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט
אייך אליין

282 • DESIGN | 845.406.4250